בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַּאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון פ"ד

פרשת תולדות שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מִלְחָמָה צַייט

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### עֶס קוּמְט אַ לַאנְגֶע ווִינְטֶער

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי שֵׁיינֶע יָמִים טוֹבִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זִיךְ צוּ קֶענֶען אַבִּיסְל בַּאנֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן, אוּן דָאס זָאל אוּנְז גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ קֶענֶען גֵיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע לַאנְגֶע קַאלְטֶע ווִינְטֶער; הֵיי יָאר [שְׁנַת תשפ"ד] הָאבְּן מִיר אַן אִיבֶּער יָאר, מִיר הָאבְּן צוּ גֵיין חֶשְׁוָן, כִּסְלֵו, טֵבֵת, שְׁבָט, אֲדָר א' אוּן אֲדָר ב' - בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ חוֹדֶשׁ נִיסָן.

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'תְּפִלָּה'

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערְפַאר לִיגְט יֶעצְט אַן אַחְרַיוּת אוֹיף דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִין אַזַא צַייט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן 'תְּפִלָּה'.

דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: גוֹיִם לֶעבְּן דוּרְךְ זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערְדְן, דֶער גוֹי'ס גֶעוֶוער אִיז זַיין גָאן, זַיין מֶעסֶער אוּן זַיינֶע מִיסְלְס, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף יִשְׁמָעֵאל אַז עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אִין מִדְבָּר מִיט זַיין פַאל אוּן בּוֹיגְן אוּן בַּארוֹיבְּן מֶענְטְשְׁן (בְּרֵאשִׁית טז, יב; בְּרֵאשִׁית כא, כ, וּבְרַשִׁ"י שָׁם), אוֹיךְ הָאט יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט עֵשָׂו (בְּרֵאשִׁית כז, מ): **"וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה"**, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן דוּרְךְ דַיין שְׁוֶוערְד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כז, כב): **"הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו"**, עֵשָׂו נִיצְט זַיינֶע הֶענְט צוּ פִירְן מִלְחָמוֹת, אָבֶער מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ מוֹיל, **"הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב"** (שָׁם), דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ זִיגְן מִלְחָמוֹת אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה.

### דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען רַאטֶעוֶוען דִי שְׁטָאט

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ), עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער ווֶעלְט גְרֶעסֶערֶע פִילָאזָאפְן ווִי בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר אוּן אַבְנִימוֹס הַגַּרְדִי, אוּן אַלֶע גוֹיִם זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס אִיז דִי עֵצָה אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען בֵּייקוּמֶען דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק?"** הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גֵייט אַרוּם צוּ דִי שׁוּלְן אוּן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, ווִילַאנְג עֶטְץ הֶערְטְס דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, קֶענְטְס עֶטְץ גָארְנִישְׁט טוּן, ווַייל אַזוֹי הָאט זֵיי יַעֲקֹב אָבִינוּ צוּגֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כז, כב): **"הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב"**, ווִילַאנְג מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, קֶען נִישְׁט זַיין **"הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו"**.

ווִילַאנְג מֶען הֶערְט אִין יְשִׁיבָה, אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, אַ קוֹל פוּן דַאוֶוענֶען, פוּן לֶערְנֶען; מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער הֲלָכוֹת, מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה, מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד - קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו אוּנְז גָארְנִישְׁט טוּן; ווִיפִיל דִי פֶעלְקֶער ווֶעלְן אוּנְז ווֶעלְן טְשֶׁעפֶּען, ווֶעט עֶס זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען.

אַגַב, דֶער מֶדְרָשׁ רֶעדְט נָאר פוּן יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים פוּן 'אִינְגְלֶעךְ אוּן עֶלְטֶערֶע', נִישְׁט פוּן 'מֵיידְל שׁוּלֶעס'; דֶער טַעַם אִיז, ווַייל אַמָאל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּלֶעס פַאר מֵיידְלֶעךְ, אַמָאל אִיז דִי ווֶעלְט גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אַ שׁוּלֶע הָאבְּן צַדִּיקִים אַיינְגֶעפִירְט אִין אַמֶערִיקֶע נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע ווֶעלְט מִלְחָמָה, דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי ווֶעלְט גֶעטוֹישְׁט אִין דֶעם הִינְזִיכְט. פַארְצַייטְנְס זֶענֶען דִי מֵיידְלֶעךְ גֶעזִיצְן אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט מִיט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוֹיסֶער דִי פָּאר זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן ווִיסְן, ווִי 'הִלְכוֹת בְּרָכוֹת' אוּן 'הִלְכוֹת שַׁבָּת' וָואס דָאס הָאבְּן דִי מַאמֶעס גֶעלֶערְנְט מִיט זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער, אוֹיךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין כַּלָּה לֶערֶערִינְס, קַיין כַּלָּה שִׁיעוּרִים, אַלֶעס הָאבְּן דִי מַאמֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער; נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע ווֶעלְט קְרִיג הָאט זִיךְ דִי ווֶעלְט גֶעטוֹישְׁט, דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף מַאכְן שׁוּלֶעס פַאר מֵיידְלֶעךְ.

דֶערְפַאר, הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מִיר הָאבְּן שׁוּלֶעס פַאר מֵיידְלֶעךְ, ווֶערְן אַלֶע מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל וָואס רֶעדְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִינְגְלֶעךְ - אוֹיךְ גֶעזָאגְט אוֹיף מֵיידְלֶעךְ.

### זָאגְן יֶעדְן טָאג 'קַאפִּיטְל פ"ג'

אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן בְּשַׁעַת עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מִלְחָמוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּן אַז מֶען זָאל זָאגְן 'קַאפִּיטְל פ"ג', דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, סַיי פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען אִידִישׁ אוּן סַיי פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען לִמּוּדֵי חוֹל, מֶען זָאל אִינְמִיטְן טָאג אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער קַאפִּיטְל פ"ג. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ תְּהִלִּים קֶען מֶען אוֹיפְמִישְׁן אִינֶעווֵייניג, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים זָאל מֶען מַאכְן קַאפִּיס פוּן דֶעם קַאפִּיטְל אוּן עֶס אוֹיסְטֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער.

אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן שֵׁיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּסוּק בַּפָּסוּק: **"אֱלֹקִים אַל דֳּמִי לָךְ אַל תֶּחֱרַשׁ וְאַל תִּשְׁקֹט אֵ-ל"**, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁוַוייג נִישְׁט, **"כִּי הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ"**, ווַייל דִי פֶעלְקֶער בְּרוּמֶען, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אוּן ווִילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר אִידְן, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער דֶעם גַאנְצְן קַאפִּיטְל.

### נֵייעֶס דֶערְשְׁרֶעקְט יוּנְג אוּן אַלְט

מֶען דַארְף נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער קַיין פְּרָטִים פוּן דִי מִלְחָמָה, אֲפִילוּ

דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן דִי נֵייעֶס.

פַאר מֶען עֶפְנְט אַ קְלִיפּ פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נֵייעֶס, שְׁרַייבְּט זִיךְ אַלְץ קוֹדֶם אוֹיף אַ מֶעלְדוּנְג: **"דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ קוּקְן פַאר שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן"**, - זָאלְט עֶטְץ וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן וִוי מֶען הַרְגְ'עט אֵיינֶעם, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט רְצִיחָה, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען גֶעמַאכְט פַאר דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָבֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע שְׁוַואכֶע הֶערְצֶער, מִיר הָאבְּן אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט צוּטוּן מִיט רְצִיחָה, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט זֶען קַיין בְּלוּט.

כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן קִינְדֶער - דַארְפְן זִיכֶער נִישְׁט הֶערְן אוּן וִויסְן קַיין נֵייעֶס פוּן דִי מִלְחָמָה, וֶוען קִינְדֶער הֶערְן נֵייעֶס פוּן דִי מִלְחָמָה שְׁטֶערְט עֶס זֵיי פוּן שְׁלָאפְן בַּייַנַאכְט. אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מַיין טָאכְטֶער, אַן אַכְט יֶערִיג קִינְד, הָאט זִיךְ נֶעכְטְן אַבִּיסְל אוּנְטֶער גֶעהֶערְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מַיין וַוייבּ וֶועגְן דִי מִלְחָמָה, אוּן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועקְט מִיט פְּחָדִים, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז גֶעשֶׁען, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶועגְן זִי טְרַאכְט פוּן דִי מִלְחָמָה, הָאבּ אִיךְ אִיר בַּארוּאִיגְט אַז דִי מִלְחָמָה הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעעֶנְדִיגְט... אוּן זִי הָאט אָפְּגֶעאָטֶעמְט אוּן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

קִינְדֶער דַארְפְן נָאר וִויסְן דֶער חֵלֶק אַז עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה וָואס דִי אַרַאבֶּער אוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער ווִילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר אִידְן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵל זַיין וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קכא, ד): **"הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלָאפְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דְרִימְלְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער הִיטֶער!

## אִיךְ ווִיל מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נֵייעֶס

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶער סְטֶעף, אַלֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, הַאלְטְן נִישְׁט מִיט דִי נֵייעֶס פוּן דִי מִלְחָמָה.

אִיךְ בֶּעט פוּן דִי מְנַהֲלִים אוּן פוּן דִי מְנַהֶלֶת, מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּנֶעמֶען נָאר אַזֶעלְכֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן וואוּ מֶען קֶען מִיטְהַאלְטְן דִי נֵייעֶס, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס זִיצְן אוֹיף דִי נֵייעֶס אוּן הַאלְטְן מִיט דִי אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן וָואס מֶען שִׁיקְט אַרוּם.

וָואס אִיז מִיר אַ חִילוּק בַּיי ווִיפִיל טוֹיטֶע עֶס הַאלְט שׁוֹין, צִי עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי עֶלְף הוּנְדֶערְט, אָדֶער מֶער?! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט נֶעבֶּעךְ גֶע'הַרְגְ'עט אַסַאךְ אִידְן אָדֶער נָאר אַפָּאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. לֵיידֶער הַאלְט עֶס שׁוֹין בַּיי פִיל אַ הֶעכֶערֶע נוּמֶער וִוי מֶען מֵיינְט בִּיז דֶערְוַוייל, וַוייל זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט גְלַייךְ אַרוֹיס דִי אֶמֶתְ'עֶ נוּמֶערְן, יֶעדְן טָאג גֶעבְּן זֵיי צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיס נָאךְ אוּן נָאךְ נוּמֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען הָאט גֶע'הַרְגְ'עט, שֹׁמּוּ שָׁמַיִם.

## 'פַארְזִיכֶערְט' - אִיז מֶען נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז נִישְׁט - וֶועט דִי מִלְחָמָה זַיין אִין זֵייעֶר מֹחַ... זֵיי וֶועלְן אַרוּמְגֵיין מִיט פְּחָדִים.

אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאךְ צוּזַאם אֵיין מָאל אַ וָואךְ, דֶער מְנַהֵל רֶעדְט צוּ דִי מְלַמְדִים, אוּן דִי מְנַהֶלֶת צוּ דִי לֶערֶערִינְס, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן פוּנֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, מֶען זָאל כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן מִיט דִי אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז, אַז דֶער עִיקָר אִיז אַרַייְנְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה, אוּן נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה, זֵיי אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, חַזֶרְ'ט מִיט דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַמֶערִיקֶע קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, רוּסְלַאנְד קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, דִי פְרֵייעֶ אִין מְדִינַת יִשְׂרָאֵל קֶענֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, קֵיינֶער קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן צוּ אִים דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זַיין. מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין גָלוּת אוּן אַלֶע גוֹיִם הָאבְּן פַיינְט דֶעם אִיד, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ שֶׁעפְּעלֶע וָואס אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף, אוּן בְּדֶרֶךְ נֵס בְּלַייבְּט דִי שֶׁעפְּעלֶע גַאנְץ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא תּוֹלְדוֹת, ה).

קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אַייְנְרֶעדְן פַאר אֵיין רֶגַע אַז דִי וָואס וואוֹינֶען אִין אַמֶערִיקֶע זֶענֶען מֶער פַארְזִיכֶערְט וִוי דִי וָואס וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ זֶענֶען אִידְן נִישְׁט מֶער פַארְזִיכֶערְט! 'פַארְזִיכֶערְט' - אִיז מֶען נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַלֵיינְס דַארְפְן אוֹיךְ וִויסְן; אֲפִילוּ אַ מְלַמֵד אִיז זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען אִין כִּתָּה, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַייְנְרֶעדְן פַאר אֵיין רֶגַע אַז 'אִיךְ קֶען', אוּן 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיין כִּתָּה אִין דִי הֶענְט', אוּן 'אִיךְ גֶעבּ אֵיין קוּק אָדֶער אִיךְ זָאג אֵיין וָוארְט אוּן יֶעדֶער פָאלְגְט', וַוייל פְּלוּצְלוּנְג וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען אִין כִּתָּה אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אוֹיבּ דוּ פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע מִילִיטֶער, אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע כֹּחַ, וֶועט קוּמֶען אַ מִיסְל; מָארְגְן וֶועט קוּמֶען אַן אוּמְגֶערָאכְטֶענֶע זַאךְ וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן.

וָואס יָא? - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דָא אִין שְׁטֶעטְל קוּמֶען דָאךְ אַלֶע צוּ פָארְן, עֶס נֶעמְט כָאטְשׁ אַ צֶען מִינוּט צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אָדֶער פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה: **"הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּם מִיט מִיט מִיךְ"**, **"הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ זָאל זֶען דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן קִינְד"**.

## דֶער גוֹי ווִיל דִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען!

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו מִיט אַזַא שְׁאֵלָה: **"וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן מִיט דִי פוּסְטֶע (סְקוּרְט) בִּיז הֶעכֶער דִי קְנִיִ?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז אַזוֹי, דָאס אִיז זִיכֶער אַז דִי וֶועג פוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ קִינְד: **"שִׁיקְסֶע"**, **"שְׁלֶעכְטֶע"**, - אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, נָאר בִּשְׁעַת מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער פוּן דִי גוֹיִם וָואס ווִילְן אוּנְז שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ אַרַייְנְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂמְחָה אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס ווִילְן נֶעבֶּעךְ אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶער גוֹי זָאלְן טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס ווִיל אִיךְ אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶער גוֹי? דֶער גוֹי ווִיל מִיךְ דָאךְ הַרְגְ'עֶנֶען!'

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז בַּיי דִי צְווֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען מֶען הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט דִי זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן ה' יִנְקֹם דָּמָם, הָאבְּן 'אַלֶע פֶעלְקֶער' גֶעהָאלְפְן דִי דֵייטְשֶׁע וֶועלְף אוֹיסְצוּהַרְגְ'עֶנֶען אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, אַלֶע זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען צוּ הִילְף, אוּן וִוי זֵיי ווִילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן?!

## דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן זָאגְן מוּסָר

רוֹב קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין שׁוּלֶע נִישְׁט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, אִיז עֶס אָדֶער וַוייל דִי מַאמֶע הָאט אִיר אַזוֹי אָנְגֶעטוּן, וַוייל דִי מַאמֶע הָאט אַן אָנְגֶעגֶעסֶענֶע שִׂנְאָה צוּ צְנִיעוּת פוּן אִיר יוּגְנְט, אָדֶער הָאט דָאס קִינְד אַלֵיינְס אַ שִׂנְאָה צוּ דֶעם פוּן אִיר פְרִיעֶרְדִיגֶע פְּלַאץ וואוּ זִי הָאט גֶעלֶערְנְט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער מוּסָר מִיט אַ זִיסֶע שְׁפְּרַאךְ, מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ זָאגְן מוּסָר (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב); זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל!"** **"וִוי וֶועם ווִילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן? וִוי דֶער גוֹי וָואס ווִיל**

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**דִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען?!"** אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פְּרִיוַואט פַאר אַלֶע קִינְדֶער: **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי וואוֹיל"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי אֵיידְל"** - בִּיז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זָאגְן פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע וִוילְן: **"אִיךְ ווִיל אוֹיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל"**.

עֶס מַאכְט זִיךְ אוֹיךְ אַז קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁוֶוערֶע אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער, זוּכְן אַלְץ זִיךְ צוּגְלַייכְן צוּ דִי גוֹיִם, וַוייל אִינְדֶערְהֵיים אִיז זֵיי גֶעוֶוען שְׁוֶוער אוּן אִין גַאס הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען נִישְׁט אִידְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס פְרֵיילִיךְ, מֵיינֶען זֵיי 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן אֵיידְל, וֶועט מִיר דָאס מַאכְן פְרֵיילִיךְ', דֶערְפַאר מוּז מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן צְנִיעוּת אִיז 'נִישְׁט שֵׁיין' אוּן עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

## דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער שׁוּלֶע

אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע 'בֵּית פֵיגָא', אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן זַיין אַ אִיד, ווִיסְן אַז דֶער גוֹי ווִיל מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען אוּן ווִי אִים ווִיל אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי לֶערֶערִינְס לֵייגְן עֶס טַאקֶע אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא ווִילְן אִידִישְׁקֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס לִיבּ.

אַוַודַאי אִיז דֶער טָאג אַיינְגֶעטֵיילְט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֶערְנְט - יֶעדֶע כִּתָּה לוֹיט זַיין דַרְגָה, מֶען לֶערְנְט עִבְרִי, רֶעכֶענֶען, דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, אָבֶער נִישְׁט פַאר דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער שׁוּלֶע, נִישְׁט דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַטָּרָה אוּן נִישְׁט דָאס אִיז אוּנְזֶער צִיל, פַאר דֶעם קֶענֶען מִיר שִׁיקְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וָואס דָארְט פָארְט אַלֶעס מֶער פִּינְקְטְלִיךְ, דָארְט אִיז אַלֶעס בֶּעסֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּנְזֶער צִיל אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה וֶועג.

מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז; אוּנְזֶער צִיל אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי אֵיידְל, אַזוֹי אִידִישׁ, אַזוֹי זִיס!"** אַז נִישְׁט - קֶען פַּאסִירְן אַ קִינְד זָאל נֶעמֶען אַ בָּארֶער אוּן זִיךְ מַאכְן צֶען לֶעכֶער אִין דִי אוֹיעֶר אוּן אַ לָאךְ אִין דִי נָאז, וַוייל 'אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ אֵיינֶער זָאגְן אַז אִיךְ זֶע אוֹיס גוּט...' - אֵיי, צֶען לֶעכֶער אִין דִי אוֹיעֶר אִיז שֵׁיין? אַ לָאךְ אִין דִי נָאז אִיז שֵׁיין?! - נֵיין! 'אָבֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גֵיהִנוֹם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אוּן אִיךְ בִּין אֵייבִּיג גֶעוֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע, טְרַאכְט אִיךְ אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אַזוֹי זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט...'

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ פְרוֹי טוּט זִיךְ אָן קוּרְץ אָדֶער זֵייעֶר לַאנְג, אַלֶע סָארְט וֶועגְן וָואס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, וַוייל אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי צֶעבְּרָאכְן, אִירֶע שְׁמֵייכְלֶען זֶענֶען פַאלְשׁ, עֶס אִיז גֶעמַאכְטֶע שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעמַאכְטֶע פְרֵיילִיכְקֵייט.

דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת, אוּן אִיךְ טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, מֶען וֶועט לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, וַוייל דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע צִיל, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט!

## וָואס זֶענֶען דִי תַּקָּנוֹת אִין דִי מוֹסָד?

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל: **"וָואס זֶענֶען דִי תַּקָּנוֹת בַּיי עֶנְק אִין מוֹסָד?"** זָאג אִיךְ: **"בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין תַּקָּנוֹת"**, פְרֶעגְט מֶען מִיר: **"וָואס הֵייסְט, אַ פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, קֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי עֶנְק אִין מוֹסָד?"** זָאג אִיךְ: **"יָא, זִי קֶען שִׁיקְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, אָבֶער גֶעלוֹיבְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין 'פְּרָאצֶענְט' פוּן תַּלְמִידוֹת וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט!"** ('אֵיין פְּרָאצֶענְט' מֵיינְט, אוֹיבּ וָואלְט גֶעוֶוען 'הוּנְדֶערְט' מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי מוֹסָד, אוּן אֵיין פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, אִיז עֶס אֵיין פְּרָאצֶענְט, אַז מֶען הָאט מֶער פוּן הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי מוֹסָד אוּן אֵיין פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, אִיז עֶס וֵוייניגֶער פוּן אֵיין פְּרָאצֶענְט). אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין מוֹסָד מִיט 'תַּקָּנוֹת', אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין שְׁטֶעטְל מִיט תַּקָּנוֹת, אִיךְ ווִיל מֶען זָאל אַזוֹיפִיל רֶעדְן אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ זַיינֶע מִצְוֹת, אַז דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס זָאלְן וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט אַ פִיר יֶערִיג קִינְד, וָואס הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְט, אוּן מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַסַאךְ מָאל הָאבְּן קִינְדֶער מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֶמֶת, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף וְכוּ', דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֶמֶת; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן אֶמֶת וֶועסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דִיר דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף", דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי זָאגְן דֶעם אֶמֶת.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, מֶען טְרֶעפְט אַמָאל בַּיי קִינְדֶער אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ אָדֶער גֶעלְט אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי פוּן וואוּ זֵיי הָאבְּן דָאס, הֵייבְּן זֵיי אָן מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה וְכוּ'; דַארְף מֶען זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן דֶעם אֶמֶת וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶער אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף"; מֶען דַארְף הֶעלְפְן דָאס קִינְד זָאגְן דֶעם אֶמֶת, מֶען פְרֶעגְט: "פוּן וֶועם הָאסְטוּ דָאס גֶע'גַנָב'ט? פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶענוּמֶען?" בִּיז דִי אֶמֶת קוּמְט אַרוֹיס, דָאס קִינְד אִיז מוֹדֶה פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּרִיק צוּ גֶעבְּן אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָב'נֶען, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת אִיבֶּער דִי הַארְבְּקַייט פוּן גְנֵיבָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע וֶועג אָבֶער בַּיים סוֹף אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע וֶועג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נג:) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעזָאגְט: קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט אִיבֶּער גֶעקְלוּגְט אַזוֹי ווִי דֶער קִינְד וָואס הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דִי אַרַיינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט, דֶער קִינְד הָאט מִיר

גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אַ קוּרְצֶע-לַאנְגֶע וֶועג אוּן אַ לַאנְגֶע-קוּרְצֶע וֶועג; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט מִיר דֶער קִינְד מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אֵיין וֶועג זֶעט אוֹיס צוּ זַיין אִין אָנְהֵייבּ גְרִינְג אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז דָאס אַ לַאנְגֶע שְׁוועֶרֶע וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט, נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אַ שְׁווֶערֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס גְרִינְג; דָאס אִיז חִינוּךְ, וֶוער עֶס אַרְבֶּעט שְׁווֶער בַּיים אָנְהֵייבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעבְּט עֶר זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁווֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג – דָאךְ אַרְבֶּעט עֶר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי גְרִינְגֶע וֶועג אִין אָנְהֵייבּ, מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, וֶועט בַּיים סוֹף זַיין זֵייעֶר שְׁווֶער.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶועןֹ אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִילִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(קונטרס עצתו אמונה חג הפסח, תש"פ)



## מוּז אַ קִינְד פָּאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן? אוּן אוֹיבּ יָא, וְוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר עֶלְטֶערְן וְוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אִין אֵיין בְּרִיוו, דָאס אִיז אַן אֲרִיכוּת הַדְּבָרִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם אַ סֵפֶר: "אוֹצָר חִנּוּךְ הַיְלָדִים"; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וְוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מַמָשׁ בְּקִיצוּר, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם פְּרִינְצִיפּ אַז 'אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט'; אַז מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער 'נֵיין' אִיז 'נֵיין'. מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוֹיבּ דִי קִינְדֶער ווִילְן דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אוּן הֵייבְּן אָן וֵויינֶען, בְּלָאזְן אוּן פַארְפִירְן וְכוּ'; דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיסְצוּפִירְן, בִּיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶרס אַ וָוארְט, דֶעמָאלְט גֶעבְּן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער אוּן וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס אוּן מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט מֶעג מֶען שְׁלָאגְן, חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁלָאגְן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; פֶּעטְשׁ אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַז אַ וָוארְט זָאל זַיין אַ וָוארְט; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן, צִי זֵיי אַלֵיינְס זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט דֶעם וָואס זֵיי זָאגְן. אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס זֶענֶען מְסוּפָּק, אָדֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן טַאטֶע מַאמֶע – דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פָּאלְגְן; וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּירְן וְוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג וֶועלְן זֵיי פָּאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וְוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ה', מכתב תנא)



## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**